# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................6:19
מוצאי יו"ט......................8:48

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...........................עמוס ב'
בבלי........................זבחים י"ח
ירושלמי..........................-
תוספתא.................כריתות ד'
רמב"ם...............מלוה ולוה י"ב

יום כיפור, שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 2 (720)


# כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם

עֶס קוּמְט דֶער גְרוֹיסֶער טָאג יוֹם כִּיפּוּר, דֶער הֵיילִיגְסְטֶער טָאג פוּן יָאר, אַלֶע אִידְן פַאסְטְן, דַאוֶוענֶען, אוּן טוּעֶן תְּשׁוּבָה, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז פַארְזִיגְלֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית כ"ו:) "לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּיפּוּרִים", יוֹם כִּיפּוּר אִיז זֵייעֶר אַ פְרֵייליכֶע טָאג, אַ טָאג וָואס מִיר זֶענֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר אִיז אוּנְז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת. מְ'דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז אַ יוֹם טוֹב, אוּן מְ'דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ יוֹם טוֹב. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁפִּירְן אוּם יוֹם כִּיפּוּר אַבִּיסְל אַזוֹי וִוי תִּשְׁעָה בְּאָב, ווִיבַּאלְד מְ'פַאסְט אוּן מְ'גֵייט אָן שִׁיךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז סְ'אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ, יוֹם כִּיפּוּר אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן טְרוֹיעֶר אוּן אֲבֵלוּת חַס וְשָׁלוֹם, נָאר עֶס אִיז אַ פְרֵייליכֶע טָאג וֶוען מִיר וֶוערְן אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוּן רֵיין פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת.

יוֹם כִּיפּוּר הֶערְשְׁט גָאר אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, מְ'קֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֶלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מְ'ווִיל, דִי הִימְלֶען זֶענֶען אָפְן, אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן אַזוֹי הֵיילִיג ווִי דִי מַלְאָכִים, אוּן דֶער שָׂטָן קֶען גָארְנִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין. חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ תְּהִלִּים, מִזְמוֹר כ"ז) "הַשָּׂטָן" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא 364, וַוייל אִין 364 טֶעג אַ יָאר הָאט דֶער שָׂטָן רְשׁוּת מְקַטְרֵג צוּ זַיין, אָבֶּער אוּם יוֹם כִּיפּוּר, דֶער 365'סְטֶע טָאג, קֶען עֶר נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג זֵייעֶר מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס שְׁוֶועריְקייטְן מִיט וָואס מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אוּן מְ'וֶועט זִיכֶער פּוֹעֶלְ'ן אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואס מֶען ווִיל.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט שִׂמְחָה אוּן גֶעשְׁמַאק זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ זִיס לִיכְטִיג יָאר.

אִין לוֹיף פוּנֶעם הֵייליגְן טָאג יוֹם כִּיפּוּר, וֶוערְט מֶען גֶעוֶוענְלִיךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּנֶעם תַּעֲנִית, אוּן מְ'הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּפִיל צוּ בֶּעטְן. דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה אָנְצוּהוֹיבְּן שׁוֹין פוּן בַּיינַאכְט, וֶוען מְ'אִיז נָאכְנִישְׁט הוּנְגֶערִיג, אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת, אוּן דִי זֶעלְבֶּע קֶען מֶען טוּן אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ פַארְ'ן דַאוֶוענֶען, וֶוען מְ'אִיז נָאךְ פְרִישׁ, דֶעמָאלְט זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע גוּטֶע רְצוֹנוֹת וָואס מְ'הָאט, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מְ'ווִיל, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִין לוֹיף פוּנֶעם טָאג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל בַּיי דִי הַפְסָקוֹת צְווִישְׁן דִי תְּפִלּוֹת, קֶען מֶען אַריינְכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה.

אֵיינֶע פוּן דִי שִׂמְחוֹת פוּן יוֹם כִּיפּוּר, זָאגְן חֲזַ"ל (תַּעֲנִית ל':), אִיז דָאס אַז מְ'הָאט דֶעמָאלְט גֶעגֶעבְן דִי צְוֵוייטֶע לוּחוֹת. קוּמְט אוֹיס אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז אוֹיךְ דָא אַן עִנְיָן פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אוּן כָאטְשׁ וָואס סְ'אִיז נִישְׁטָא צוּפִיל צַייט אוּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אַזוֹי סַאךְ אִין דֶעם טָאג, הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָבֶּער אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, דֶערִיבֶּער אִיז גוּט אַרַיינְצוּכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה אִין דֶעם הֵייליגְן טָאג, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער עִיקָּר אִיז דֶער רָצוֹן אוּן דֶער ווִילְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וַוייזְט אַרוֹיס אַז עֶר ווִיל זַיין גוּט אוּן וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ.

דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס הַארְץ זָאל זִיךְ שׁוֹין עֶפֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים ו', ו') וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם עַל לְבָבֶךָ", אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִּבְרֵי תּוֹרָה, חִיזּוּק אוּן הִתְעוֹרְרוּת, אָבֶּער אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אִים, עֶס לִיגְט אוֹיף זַיין הַארְץ, עֶס גֵייט אָבֶּער נִישְׁט אַרַיין טִיף אִין הַארְץ אַרַיין, דָאס הַארְץ אִיז פַארְשְׁטָאפְּט אוּן נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים. דֶערְפַאר קְלַאפְּט מֶען אוֹיפְ'ן הַארְץ בַּיים זָאגְן "אָשַׁמְנוּ" אוּן "עַל חֵטְא", ווִי אֵיינֶער קְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר אוּן בֶּעט מְ'זָאל אִים אַרַיינְלָאזְן, מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר אִיז דֶער "פּוֹתֵחַ שַׁעַר לְדוֹפְקֵי בִתְשׁוּבָה", אַז עֶר זָאל שׁוֹין עֶפֶענֶען אוּנְזֶער הַארְץ, מִיר זָאלְן אָנְנֶעמֶען דִי רֵייד פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס ווִילְן אוּנְז נָאר גֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, זֵיי ווִילְן אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ זִיס לִיכְטִיג יָאר, מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת. (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ לְיוֹם הַכִּפּוּרִים)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## לָאמִיר תְּשׁוּבָה טוּן

חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פה:): וָואס מֵיינְט אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה? אַז וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה אֵיין צְוֵויי מָאל, אוּן עֶר טוּט עֶס נִישְׁט". וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער דִי זֶעלְבֶּע פְּרוֹי, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן טוּן דִי עֲבֵירָה, דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה.

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶס אִיז שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן עֶר ווִיל זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, צוּ זַיין פוּן יֶעצְט וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דַאן זַיין עִיקָּר פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר ווֵייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן, אוּן אוֹיבּ טוּט עֶר עֶס נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וֶועט עֶס נָאר אָנְהַאלְטְן פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן עֶר וֶועט נָאכְדֶעם צוּרִיק פַאלְן.

אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף

<<<<<<

# א גוט ווארט

הָאסְט גֶעקוֹיפְט עֶפֶּעס אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה פַאר דַיין וַוייבּ? קוֹיף אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פַאר דַיין וַוייבּ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, אוּן גֶעבּ אִיר אַפָּאר דָאלֶער זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען קוֹיפְן קְלֵיידֶער וְכַדוֹמֶה, אוּן בְּעִיקָּר זָאלְסְט הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער; וַוארְט נִישְׁט עֶס זָאל זִיךְ צֶערַייסְן חַס וְשָׁלוֹם אִירֶע נֶערְוְון, אֵיינְמָאל נֶערְוְון צֶערַייסְן זִיךְ - אִיז שׁוֹין בִּיטֶער, הֶעלְף אִיר מִיט דִי קִינְדֶער, מַאךְ עֶס מִיט שִׂמְחָה.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט קַארְגְן אוֹיף מִצְוֹת, קוֹיף דִי שֶׁענְסְטֶע ד' מִינִים אוּן קוֹיף פַאר דַיינֶע קִינְדֶער ד' מִינִים; קְרֶעכְץ נִישְׁט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן מִצְוֹת, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בַּאנְק טוּן אַז דִי יוֹם טוֹב קָאסְט גֶעלְט, פַאר אַלֶעס אִיז דָא גֶעלְט; פַאר אַ קַאר, פַאר אַ הוֹיז, פַאר מֶעבְּל, פַאר שֵׁיינֶע זַאכְן, אוּן אַז מִיר הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ קֶענֶען טוּן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט.

מַאךְ אַ שֵׁיינֶע סוּכָּה, בַּאצִיר עֶס מִיט דִי שֶׁענְסְטֶע נוֹי סוּכָּה, לֵייג אַרַיין דַיין הַארְץ אִין דִי מִצְוֹת; דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דָאס נָאכְמַאכְן, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ מַאכְן שֵׁיינֶע סוּכּוֹת. טְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין אִין יָאר תת"ו, אִין צְוָואנְצִיג יָאר אַרוּם וֶוען עֶס וֶועלְן זַיין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. גֶעבּ אַ גוּטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, וַוייז זֵיי אַז יוֹם טוֹב אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ פַאר דִיר, וֶועלְן זֵיי זַיין גוּטֶע עֶרְלִיכֶע פְרוּמֶע אִידְן.

וְהָעִיקָּר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הַטְעִימֵנוּ נָא טַעַם סוּכָּה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז דִי הֵיילִיגֶע אוּשְׁפִּיזִין זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אִין דִי סוּכָּה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַ גַאנְץ יָאר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תִּשְׁרֵי תשפ"ו)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אֱמֶתְ'עֶ תְּשׁוּבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְזָאגְן אַלֶעס בְּפֶה מָלֵא פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּזָאגְן אַז דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט טוּן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶת'עֶ תְּשׁוּבָה.

דֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן פְרֶעגְט (בֵּאוּר הַלִּקּוּטִים, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְיֵשׁ לְהִתְפַּלֵּא), דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): **"וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק"**, אַז מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ - דָאס אִיז דֶער עִיקָּר תְּשׁוּבָה, פְרֶעגְט עֶר, וִוי קֶען זַיין אַז דֶער עִיקָּר תְּשׁוּבָה אִיז 'יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק', וֶוען אִין אַלֶע דוֹרוֹת אַרוֹיף בִּיזְן רֶבִּי'ן וֶוערְט נִישְׁט דֶערְמַאנְט דִי זַאךְ פוּן 'יִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק', אִיז אַלֶע דוֹרוֹת בִּיזְן רֶבִּי'ן הָאבְן נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן? הֲגַם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יב:): **"כָּל הָעוֹבֵר עֲבֵירָה וּמִתְבַּיֵּשׁ בּוֹ, מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו"**, וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אוּן טוּט תְּשׁוּבָה - אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער דָאס אִיז מִצַד דִי יִסוּרִים וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער, אָבֶּער נִישְׁט אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָּר תְּשׁוּבָה, אוּן נָאכְמֶער פְרֶעגְט עֶר, וִוי קֶען זַיין אַז תְּשׁוּבָה זָאל זַיין תָּלוּי אִין אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ? עֶס קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיבּ וֶועט קֵיינֶער אִים נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, קֶען מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ תְּשׁוּבָה? אוּן אֲפִילוּ מֶען וִויל תְּשׁוּבָה טוּן קֶען מֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן נָאר אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען? אוּן נָאכְמֶער, וִוי קֶען זַיין אַז תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אַן עֲבֵירָה, וַוייל פַארְשֶׁעמֶען אִיז דָאךְ אַן עֲבֵירָה! קוּמְט אוֹיס מֶען קֶען נָאר זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה אוֹיבּ אַ צְוֵוייטֶער קוּמְט אוּן פַארְשֶׁעמְט?!

זָאגְט עֶר, 'עִיקַּר הַתְּשׁוּבָה יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק' - אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן עֶר וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט - דָאס אִיז דֶער עִיקָּר תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: "וֶוערְסְטוּ רֵייךְ רוֹיט פַאר בּוּשָׁה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!" אַז מֶען דַארְף דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בְּמַחְשָׁבָה דִיבּוּר אוּן מַעֲשֶׂה, אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אוּן אִיבֶּער בֶּעטְן, אוּן צוּזָאגְן אַז מֶען גֵייט מֶער נִישְׁט טוּן, דָאס אִיז תְּשׁוּבָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּגַּשׁ תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה חֵלֶק שֵׁנִי

**יג. מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ שׂוֹנְאִים, קָשֶׁה לוֹ לְכַוֵּן דַּעְתֵּיהּ בִּתְפִלָּה.** וֶוער עֶס הָאט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים פַיינְט, אִיז אִים שְׁוֶוער אֵיינְזִין צוּ הָאבְן דָאס דַאוֶוענֶען.

**יד. צָרִיךְ אָדָם לְהִזָּהֵר בְּשָׁעָה שֶׁמַּזְכִּיר אֶת הַשֵּׁם שֶׁיִּהְיֶה בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, הַיְנוּ שֶׁיְּקַדֵּשׁ רוּחַ פִּיו כָּל כָּךְ שֶׁיְּהֵא בִּבְחִינַת רוּחַ נְבוּאָה, וְאָז הָרוּחַ הַזֶּה הוֹלֵךְ וּמַפִּיל אוֹתָם הַבּוֹטְחִים בְּשָׁוְא וּבְהֶבֶל, וְזֶהוּ: בְּ'שֵׁם י' אֱ'לֹקֵינוּ נַ'זְכִּיר הֵמָּה כָּרְעוּ וְנָפָלוּ.** אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען עֶר דֶערְמַאנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, אַז עֶס זָאל זַיין מִיט קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, הֵיילִיג אוּן רֵיין, דָאס הֵייסְט אַז עֶר זָאל אַזוֹי שְׁטַארְק הֵיילִיגְן דִי לוּפְט פוּן זַיין מוֹיל, אַז עֶס זָאל זַיין מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי אַ גֵייסְט פוּן נְבוּאָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דִי גֵייסְט גֵיין אוּן אַרָאפְּוַוארְפְן דִי אַלֶע וָואס פַארְזִיכֶערְן זִיךְ אִין פַאלְשְׁקֵייט אוּן אִין נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים כ', ח'-ט') **"בְּ'שֵׁם י' אֱ'לֹקֵינוּ נַ'זְכִּיר, הֵמָּה כָּרְעוּ וְנָפָלוּ"**, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן **"בְּ'שֵׁם י' אֱ'לֹקֵינוּ נַ'זְכִּיר"**, אִיז **"נָבִיא"**, אַז מֶען דֶערְמַאנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אַזוֹי הֵיילִיג אַז עֶס אִיז אַזוֹי וִוי נְבוּאָה, דֶעמָאלְט וֶועט עֶס אַרָאפְּוַוארְפְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן פַאלְשְׁקֵייטְן.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

עֶר טוֹישְׁן זַיין גַאנְצְן סֵדֶר, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי אַרְבֶּעט, אַוֶועק גֵיין פוּן זַיין סֵדֶר הַיּוֹם, אוּן טוֹישְׁן זַיין גַאנְצֶע סֵדֶר אִין לֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט, אוּן זִיךְ אַרַיין זֶעצְן אִין שׁוּל נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן דִי מִינְדֶערְסְטֶע שַׁיְיכוּת מִיט סֵיי וֶועלְכֶע גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן.

דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן, אוּן דָאס קֶען זֵייעֶר גְרִינְג צֶעפַאלְן נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט. דֶערְפַאר לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל: "מִיט דִי זֶעלְבֶּע פְּרוֹי', דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ", דָאס מֵיינְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען וַוייטֶער לֶעבְן מִיט זַיין וַוייבּ אוּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, עֶר קֶען וַוייטֶער לֶעבְן אוֹיף זַיין פְּלַאץ, אוּן עֶר קֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט זַיין צַייט, מִיטְ'ן זֶעלְבֶּע סֵדֶר הַיּוֹם וִוי בִּיז יֶעצְט, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ אַזוֹי תְּשׁוּבָה טוּן.

וֶועט דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְן, אַז אוֹיבּ אַלֶעס בְּלַייבְּט דִי זֶעלְבֶּע וִוי בִּיז יֶעצְט, וִוי אַזוֹי טוּן מֶען דֶעמָאלְט תְּשׁוּבָה? וָואס דַארְף מֶען יָא טוּן צוּ זַיין אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה? דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם זָאגְן מִיר דִי וָואךְ אִין דִי הַפְטוֹרָה, נָאר אֵיין זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. דֶער פָּסוּק זָאגְט אוּנְז (הוֹשֵׁעַ י"ד, ג'): קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה' - אַ אִיד דַארְף עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה.

אַ אִיד זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אָפְּלָאזְן אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר", "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל פוּן הַיינְט אָן טוּן נָאר מִצְוֹת אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת", "בַּאשֶׁעפֶער זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטוּן גוּט בִּיז יֶעצְט, הֶעלְף מִיר אַז פוּן יֶעצְט זָאל אִיךְ שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער קֶען יֶעדֶער זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע וֶועג, מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן. אוּן וֶוען אַ אִיד וֶועט דָאס טוּן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אוֹיסְהֶערְן אוּן אִים דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ זִיךְ, עֶר וֶועט זִיכֶער תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט דָאס אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר רֶעדְט צוּ דִי וַואנְט, עֶר פִילְט וִוי קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶּעס רוּקְן. מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקְן אַז מֶען הוֹיבְּט נִישְׁט אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן וֶוערְט זַיין מֹחַ אוּן הַארְץ פַארְשְׁטָאפְּט אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס קֶען זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ עֶרְגֶעץ וַוייט אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס וָואס עֶר רֶעדְט צוּ אִים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אָבֶּער אוּן קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם, עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ נָאר אַפָּאר וֶוערְטֶער, וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר וֶועט פִילְן אִין דֶעם אַלֶע טַעֲמִים. עֶס גֵייט נִישְׁט אִיבֶּער נַאכְט, עֶס נֶעמְט צַייט, דֶער פָּסוּק זָאגְט אָבֶּער (תְּהִלִּים ל"ד, ט') טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה', פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס וֶועט אִיר זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל: "מִיט דִי זֶעלְבֶּע וַוייבּ" - דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין וַוייבּ אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, נִישְׁט דַיין וַוייבּ שְׁטֶערְט דִיךְ פוּן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְקֶערְט דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר נָאךְ הֶעלְפְן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת ס"ג.): "זָכָה - נַעֲשֵׂית לוֹ עֵזֶר, לֹא זָכָה - כְּנֶגְדוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, שְׁטֵייט אִים דִי וַוייבּ צוּ הִילְף, אוּן אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, אִיז זַיין וַוייבּ קֶעגְן אִים אוּן זִי שְׁטֶערְט אִים, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מַאן, אוֹיבּ עֶר אִיז וואוֹיל וֶועט אִים זַיין וַוייבּ נִישְׁט שְׁטֶערְן נָאר פַארְקֶערְט זִי וֶועט אִים נָאךְ מֶער צוּהֶעלְפְן צוּ וֶוערְן עֶרְלִיךְ אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז זַיין וַוייבּ אִיז נָאךְ קֶעגְן אִים, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר דַארְף נָאךְ מֶער תְּשׁוּבָה טוּן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין זַיין וַוייבּ זַיין מִיט אִים.

מֶען זֶעט בַּיי אָדָם הָרִאשׁוֹן, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְטוּ גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי וַוייבּ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, זִי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת", זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: "דָא זֶעט מֶען אַז עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַ כָּפוּי טוֹבָה", אוֹיבּ דוּ הָאסְט דִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף דַיין יֵצֶר הָרַע, אוּן דוּ הָאסְט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת, פַארְוָואס וַוארְפְסְטוּ אַרוֹיף דִי שׁוּלְד אוֹיף דַיין וַוייבּ? וֶוען דוּ וָואלְסְט מַסְבִּיר גֶעוֶועזְן פַאר דַיין וַוייבּ אַז מֶען טָאר נִישְׁט טוּן אַנְדֶערְשׁ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, וָואלְט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן דִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט, זֶעט מֶען אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל אַלֵיין זַיין וואוֹיל, וֶועט זַיין וַוייבּ אִים גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין "דִי זֶעלְבֶּע צַייט" - אִין יֶעדֶע צַייט קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע צַייט אִיז טַאקֶע אַנְדֶערְשׁ, אַמָאל קֶען מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אַמָאל קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

<<<<<<

<<<<< מוֹהֲרַא"ש דֶערְצֵיילְט

אוּן אַמָאל דִינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן טוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגְן דִי צַייט.

אוּן אִין "דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל, אוֹיף יֶעדֶע פְּלַאץ, אוּן דֶערְפַאר כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן קֶען מֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן פְּלַאץ אוּן אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן מַצָב, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען נָאר עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן דָאס אִיז דִי וֶועג וָואס פִּירְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶען דַארְף אָבֶער אוֹיךְ גֶעדֶענְקְן אֵיינְס פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע יְסוֹדוֹת פוּן תְּשׁוּבָה, אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן קַיין גְרֶענִיץ. אוּן דֶערְפַאר, וָואסֶערֶע עֲבֵירוֹת אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּן, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶר קֶען נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"א) אוֹיף דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר עֶר, אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט.

רֶבִּי נָתָן אִיז עֶס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִלִּין, ה"ד, אוֹת ד') אַז דָאס אִיז דֶער נִסָיוֹן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר דַארְף הֶערְן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט יֶעצְט טוּן. אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר הֶערְט אַז הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה גֶעבְּט עֶר אַלֶעס אוֹיף, דַאן וֶוערְט עֶר טַאקֶע פַארְפַאלְן פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן. אוֹיבּ אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז קְלוּג אוּן עֶר וֵוייסְט אַז דָאס אִיז זַיין נִסָיוֹן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ נָאר עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אָנְנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ הֶערְט מֶען פוּן אֵיינֶעם, נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן וֶועם, אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע גָאר גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה וָואס אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, "אוֹיבּ דוּ הָאסְט גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס, קֶענְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן", דַארְף מֶען וִויסְן אַז יֶענֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַ שָׁלִיחַ פוּנֶעם סַמַךְ-מֶם צוּ דֶערְוַוייטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען טָאר זִיךְ צוּהֶערְן צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן גַן עֵדֶן אוּן גֵיהִנֹם, צוּ קֶענֶען זָאגְן וֶוער עֶס גֵייט וואוּ. דֶערְפַאר קֶען קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן וֶוער עֶס קֶען יָא תְּשׁוּבָה טוּן אָדֶער נִישְׁט, דָאס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן אַ שִׁיעוּר, אוּן עֶר נֶעמְט אָן יֶעדְן וָואס טוּט תְּשׁוּבָה.

רֶבִּי נָתָן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין דִי סְלִיחוֹת טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָר צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעבְלִיבְּן אוֹיף גַאנְץ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז עֶר אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט גֶעוִויסֶע הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוֹיפְ'ן גַאס פַאר אַ שְׁפַּאצִיר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסֶל, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֶמֶתְ'ן גוּטְן פְרַיינְד!"

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, אַז דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל וָואס עֶס וֶועט נָאר אוֹיף אִים אַדוּרְךְ גֵיין, וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט אִים וֶועלְן צוּבְּרֶעכְן, וָואסֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן, וֶועט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס כַאפְּט זִיךְ בַּאצַייטְנְס וַוייל קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען זַיין צַייט, אַזוֹי וִוי ר' אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזָאגְט (שַׁבָּת קנ"ג.) "טוּ תְּשׁוּבָה אֵיין טָאג פַארְ'ן שְׁטַארְבְּן" הָאבְּן אִים זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט, "מֶען וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וֶוען מֶען גֵייט שְׁטַארְבְּן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעמֵיינְט, טוּ הַיינְט תְּשׁוּבָה, וַוייל אֶפְשָׁר מָארְגְן וֶועסְטוּ שְׁטַארְבְּן, אַזוֹי וֶועסְטוּ יֶעדְן טָאג תְּשׁוּבָה טוּן".

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ עֶרֶךְ תְּשׁוּבָה חֵלֶק ח', י', י"ב)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# אִיז אַ פֶּעלֶער צוּ וֵויינֶען אַסַאךְ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיז אַ פֶּעלֶער אַז מְ'וֵויינְט אַסַאךְ? אִיךְ זָאג אַ גַאנְצְן צַייט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ בֶּעט נָאר אַ מַתְּנַת חִנָּם, אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶועגְן פַּרְנָסָה, חוֹבוֹת, אוּן פַארְבֶּעסֶערְן וָואס אִיךְ דַארְף פַארְבֶּעסֶערְן, אוּן נִישְׁט זַיין בֵּייז, אוּן נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין, אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג צוּ יֶעדְן, וּבִפְרַט אִין שְׁטוּבּ, אוּן אוֹיךְ אַז אִיךְ זָאל גֶעבְּן פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען.

עֶס אִיז דָא טֶעג וָואס אִיךְ וֵויין זֵייעֶר אַסַאךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיין, אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט רִיכְטִיג מִיט דֶעם? וִוי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ אוֹיבּ דִי וֵויינֶען הָאט אַ שַׁייְכוּת מִיט עַצְבוּת? אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר זִיךְ אַוֶועקְגֶעבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען מֶענְטְשְׁן צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִגַשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד אוּן וִוי אַ קִינְד שְׁמוּעֶסְט מִיט זַיין טַאטֶע; דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ וִויסְן אוֹיבּ דִי וֵויינֶען קוּמְט פוּן עַצְבוּת? אוֹיבּ מֶען אִיז בְּרוֹגֶז, מֶען רֶעדְט זִיךְ אָפּ - דָאס אִיז עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אָבֶער אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְסְט אַ מַתְּנַת חִינָם - דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עַצְבוּת, וֵויינֶען אִיז נִישְׁט עַצְבוּת; דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, צוּ בֶּעטְן אַ מַתְּנַת חִינָם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן, כו), צַדִיקִים קֶענֶען בֶּעטְן וָואס עֶס קוּמְט זֵיי, דָאךְ בֶּעטְן זֵיי נָאר אַ מַתְּנַת חִינָם; "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ בֶּעט דִיר אַ מַתְּנַת חִינָם, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה, גֶעבּ מִיר הַרְוָחָה וְכוּ'".

עַצְבוּת אִיז וֶוען מֶען אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס אִיז דִי חִילוּק פוּן אַ 'לֵב נִשְׁבָּר', אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ - צוּ 'עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה', דֶעפְּרֶעסְט, דֶערְבִּיטֶערְט; הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מב), 'עַצְבוּת' אִיז וֶוען מֶען אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַצְבוּת אִיז זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוּן הָאבְּן טַעֲנוֹת, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נִישְׁט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אָבֶער 'לֵב נִשְׁבָּר' אִיז - זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי הֶענְט צוּם הִימְל, כְּבֵן הַמִּתְחַטֵּא, אוּן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים.

זֶע אָבֶער זָאלְסְט אוֹיךְ אַוֶועק גֶעבְּן צַייט פַאר תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, תְּפִילָּה מוּז גֵיין אִינְאֵיינֶעם מִיט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, נָאר אַזוֹי הָאט מֶען כֹּחַ וַוייטֶער צוּ בֶּעטְן; דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן גֶעבְּט כֹּחַ צוּ בֶּעטְן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, לָאז זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת אוּן מַאךְ פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת אוֹיךְ תְּפִילָּה, דָאס אַלֵיין קֶענְסְטוּ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִגַשׁ תשפ"ה)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רכה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: ר' זַלְמָן פָּארְט אַרוּם דִי וֶועלְט**
**צוּ נֶעמֶען הַסְכָּמוֹת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן**

**תשנ**

דִינְסְטָאג, ד' שְׁבַט, אִיז ר' זַלְמָן דֶער קְלֵיינֶער אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן קָאזְנִיצֶער מַגִיד זי"ע, עֶר הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט אִים גְלַייךְ גֶעגֶעבְּן אַן הַסְכָּמָה, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן.

דָאס אִיז זַיין הֵיילִיגֶע לָשׁוֹן אִין דִי הַסְכָּמָה:

לְכוּ חֲזוּ מִפְעֲלוֹת אֱלֹקִים אֲשֶׁר פָּעַל וְעָשָׂה אִישׁ חַי רַב פְּעָלִים מְקַבְּצִיאֵל, שֶׁקִּבֵּץ עַל יָד זְקוּקִין דְנוּרָא וּבְעוּרִין דְאִשָּׁא אֲשֶׁר לִקֵּט בְּמַאֲמָרִים אֹמֶר לַגֻּלְגֹּלֶת אִיהוּ יָאֶה וְגוּלְתֵּהּ יָאָה. לִקּוּטֵי אֲמָרִים, דְּבָרִים נִפְלָאִים, וְנוֹרָא הוּא סְבִיבָיו, שֶׁשָּׁלַח אֵלַי חַד מִן יְדִידַי, הֲלֹא הוּא הָרַב הַמָּאוֹר הַגָּדוֹל, בְּנָן שֶׁל קְדוֹשִׁים, מוֹפֵת הַדּוֹר, גָּדוֹל מֵרַבָּן שְׁמוֹ, נוֹדַע בַּשְּׁעָרִים, מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן, נֵרוֹ יָאִיר, נֶכֶד לְרַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ בַּעַל שֵׁם טוֹב זללה"ה, אֲשֶׁר רוֹצֶה לְהַעֲלוֹתוֹ עַל מִזְבַּח הַדְּפוּס לְהוֹצִיא לָאוֹר תַּעֲלוּמוֹת חָכְמָה. וְרָאִיתִי בָּהֶם דְּבָרִים עֲרֵבִים, נְעִימִים וְחִדּוּדִים עֲמֻקִּים מְאֹד אִישׁ לְפִי עֶרְכּוֹ. וּמַה נִּכְבָּד הַיּוֹם אֲשֶׁר יֵצְאוּ לָאוֹר דְּבָרִים כָּאֵלּוּ אֲשֶׁר לָהֶם דּוּמִיָּה תְּהִלָּה. וְהִנְנִי מִן הַמַּסְכִּימִים לְהַעֲלוֹת עַל הַדְּפוּס דְּבָרִים יְקָרִים מִפָּז וּמִפְּנִינִים וּרְאוּיִים לְהַכְנִיסָם לִפְנַי וְלִפְנִים. אָמְנָם מִדְּאָגָה מִדָּבָר, פֶּן יָקוּם אִישׁ אוֹ אִשָּׁה וְיַעֲשֶׂה כְּמַתְכֻּנְתָּהּ עַל יְדֵי עַצְמוֹ אוֹ עַל יְדֵי גִּירָא דִּילֵהּ. לָכֵן הִנְנִי גּוֹזֵר בִּגְזֵרַת נָחָשׁ לְטוּתָא דְּרַבָּנָן וְלֵקוּם בְּ"אָרוּר" כָּל מֶשֶׁךְ עֶשֶׂר שָׁנִים מִיּוֹם גְּמַר הַדְּפָסָה, וּלְהַשּׁוֹמֵעַ יֻנְעַם, וְתָבוֹא עָלָיו בִּרְכַּת טוֹב.

יוֹם ג', דָּלֶת שְׁבַט תקס"ח לִפְרָט קָטָן פֹּה ק"ק קָאזְנִיץ יצ"ו.

נְאֻם יִשְׂרָאֵל בְּהַמָּנוֹחַ מוֹרֵנוּ הָרַב שַׁבְּתַי מַגִּיד מֵישָׁרִים דְּפֹה קְהִלַּת קֹדֶשׁ הַנַּ"ל

**תנשא**

דָאנֶערְשְׁטָאג, כ' שְׁבַט, אִיז דֶער קְלֵיינֶער ר' זַלְמָן אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן זְלָאטְשוּבֶער מַגִיד זי"ע, אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען.

ר' זַלְמָן הָאט אִים גֶעוִויזְן דִי בְּרִיוו פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן אִין וָואס עֶר מַאכְט אִים פַאר אַ שָׁלִיחַ צוּ נֶעמֶען הַסְכָּמוֹת אוֹיף זַיין סֵפֶר, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער זְלָאטְשוּבֶער מַגִיד זי"ע הָאט אִים אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן אַן הַסְכָּמָה.

דָאס אִיז זַיין הֵיילִיג לָשׁוֹן: הִנֵּה קִבַּלְתִּי מִכְתָּב אָדָם גָּדוֹל בָּעֲנָקִים, וְאַדַּמֵּהוּ וַאֲכַנֵּהוּ וְלֹא יְדַעְתִּיו, הֲלֹא הוּא הָרַב הַגָּדוֹל, בּוּצִינָא קַדִּישָׁא, מוֹפֵת הַדּוֹר, נֵר יִשְׂרָאֵל, פַּטִּישׁ הַיְמִינִי, קָדוֹשׁ שְׁמוֹ, הֶחָסִיד, הַמְּפֻרְסָם, בְּנָן שֶׁל קְדוֹשִׁים, מְחֻתָּנִי, מוֹרֵנוּ הָרַב רֶבִּי נַחְמָן, נֵרוֹ יָאִיר, וּבִקֵּשׁ שֶׁאַסְכִּים עַל הַדְפָּסַת סִפְרוֹ הַקָּדוֹשׁ. וְרָאִיתִי בּוֹ, וּבִמְעַט דְּבַשׁ שֶׁהִטְעַמְתִּי, הֵאִירוּ עֵינַי, וְרָאִיתִי שֶׁאֵין צָרִיךְ לְהַסְכָּמוֹתַי, וּבִפְרָט שֶׁכְּבָר הִסְכִּימוּ גְּדוֹלֵי הַדּוֹר, גְּאוֹנֵי זְמַנֵּנוּ. אַךְ אֵין מְסָרְבִין לַגָּדוֹל, וּבָאתִי כִּיהוּדָא וְעוֹד לִקְרָא. וְהִנְנִי גּוֹזֵר בִּגְזֵרַת הַתּוֹרָה, לְבַל יַסִּיג שׁוּם אָדָם מִגְּבוּל, שֶׁגָּבְלוּ הָרִאשׁוֹנִים, עֶשֶׂר שָׁנִים מִיּוֹם דִּלְמַטָּה, וּלְהַשּׁוֹמֵעַ יֻנְעַם.

הֲלֹא כֹּה דִּבְרֵי הַמְדַבֵּר לִכְבוֹד הַתּוֹרָה, יוֹם ה', כ' בִּשְׁבָט תקס"ח לִפְרָט קָטָן פֹּה קְהִלַּת קֹדֶשׁ זְלָאטְשׁוּב.

הַקָּטָן אַבְרָהָם חַיִּים בְּהָרַב מוֹרֵנוּ הָרַב רֶבִּי גְּדַלְיָה זלה"ה

**תשנב**

מָאנְטָאג פַארְנַאכְטְס, כ"ה שְׁבַט, אִיז דֶער קְלֵיינֶער ר' זַלְמָן אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט בְּרָאד, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם גָאוֹן הָאַדִּיר, דֶער רָב פוּן בְּרָאד, אוּן כָאטְשׁ וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ גֶדֶר נִישְׁט צוּ גֶעבְּן קַיין הַסְכָּמָה פַאר קַיין שׁוּם סֵפֶר, וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהֶערְט אַז עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, הָאט עֶר גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ גֶעבְּן זַיין הַסְכָּמָה. טֵייל זָאגְן אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט בְּרָאד (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תש"א), הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ דָארְט גֶעטְרָאפְן עֶטְלִיכֶע מָאל מִיטְ'ן אָרְטִיגְן רָב, אוּן זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן פַארְוֵוילְט מִיט דִבְרֵי תּוֹרָה, אוּן דֶער רָב הָאט גָאר שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען אוּן טֵייעֶר גֶעהַאלְטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# אַ נֵייעֶ יָאר, אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו פוּן מַיין הָאֶרֶץ; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט עֶס אָנֶנֶעמֶען, עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין דַיין הַאֶרֶץ.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין אַ נֵייעֶם יָאר, מִיר זֶעעֶן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צֶעשָׁאקֶלְט דִי וֶועלְט, וָואס הָאט אַלְץ פַּאסִירְט דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר, וְוִיפִיל שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר אַלֶע הָאפְן אַז עֶס וֶועט זַיין תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ - עֶס וֶועט קוּמֶען אַ זִיסֶע יָאר דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר טוּעֶן תְּשׁוּבָה, מִיר קֶערְן זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף רֵיינֶע אוֹיגְן; דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם כְּלִי וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם עֲבֵירוֹת, שְׁמוּץ, מָאוִוי"ס קְלִיפְּ"ס, נֵייעֶס וְכַדוֹמֶה. אוּן אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט עֶס הָאבְן פַאר פַּרְנָסָה וְכוּ' - דַארְף עֶס זַיין פַארְשְׁפַּארְט מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען קוּקְן אוֹיף דֶעם קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאכְן אוֹיסֶער וָואס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס פַאר פַּרְנָסָה, וַוייל אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס. אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען פַארְלִירְט דִי נְשָׁמָה - מֶען הֶערְט אוֹיף לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, נָאר אֲפִילוּ דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע לֶעבְּן פַארְלִירְט מֶען אוֹיךְ; מֶען פַארְלִירְט דֶער טַעַם צוּ זַיין אַ מַאן, צוּ זַיין אַ טַאטֶע; אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת פַארְלִירְט מֶען דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען פַארְלִירְט דִי קִינְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דִי וֶוערְטֶער פוּן מַיין הַאֶרֶץ; גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ בִּין נָאךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט פוּן מַיין נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, אִיךְ בִּין נָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ מַיינֶע כּוֹחוֹת - דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר וַוייל אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט הָאבְן אַ גוּט לֶעבְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת צוּ קוּקְן עֲבֵירוֹת, עֶר ווִיל אוֹיסְרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אַלֶעס פַארְלִירְן, עֶר מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן מְשׁוּגָע. דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם, אַ מֶענְטְשׁ קֶען קוּקְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת מָאוִוי"ס וָואס אִיז אַ צֶעדְרֵייטֶע דִמְיוֹן וָואס מֶען הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, אֵיין זַאךְ הָאט מֶען - מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס, מֶען בְּלַייבְּט מִיט אַן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְטֶע מֹחַ, מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט טְרַאכְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר, וַוארְף אַוֶועק דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי תּוֹרָה זָאגְט (יְהוֹשֻׁעַ כב, יז): "אֶת עֲוֹן פְּעוֹר אֲשֶׁר לֹא הִטַּהַרְנוּ מִמֶּנּוּ עַד הַיּוֹם הַזֶּה", בִּיז הַיינְט זֶענֶען מִיר נָאכְנִישְׁט רֵיין פוּן דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר; דִי תּוֹרָה אִיז דָאךְ אַ נִצְחִיוּת, ווִי אִיז שַׁייךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר? נָאר וֶוען מֶען נֶעמְט נִידְרִיגֶע זַאכְן, פְּסֹלֶת אוּן דְבָרִים שְׁפֵלִים אוּן מֶען הַאלְט דָאס חָשׁוּב - דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּעוֹר, דִי שְׁלֶעכְטֶע מָאוִויס אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַאגַאזִינֶען, דָאס אִיז דָאס אַרְגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט. אַז מֶען קוּקְט דָאס אוּן מֶען מַאכְט אַן עֵסֶק פוּן דֶעם - דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּעוֹר.

לָאמִיר תְּשׁוּבָה טוּן, לָאמִיר אָנְהֵייבְּן דִי יָאר רֵיין, לָאמִיר זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; שׁוֹין צַייט זִיךְ אוֹיפְצוּוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, שׁוֹין צַייט צוּ טְרַאכְטְן פוּן אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת; וָואס וֶועלְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער טוּן אוֹיבּ מִיר פָאלְגְן נִישְׁט? וָואס וֶועלְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאגְן? זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ זָאגְן 'מִיר וֵוייסְן, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן'.

ווָאוִיל אִיז דֶעם וָואס פָאלְגְט עֶרְלִיכֶע אִידְן; עֶר הַאלְט זַיין שְׁטוּבּ רֵיין, עֶר גְרֵייט אָן דִי שְׁטוּבּ עֶס זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה הַאֲזִינוּ-ב תשפ"א)


## הכנה לסוכות

שיעורים און דרשות, לימודי היום, מעשיות פאר קינדער, און נאך פיל אינטערעסאנטס לכבוד יום טוב

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 3**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876

< BreslevCenter.com >